מי שעוסקים בצרכי צבור באמונה. הקדוש ברוך הוא ישלם שכרם. ויסיר מהם כל מחלה. וירפא לכל גופם. ויסלח לכל עונם. וישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם. עם כל ישראל אחיהם ונאמר אמן:

## תפלה בעד שלום אדונינו הקיסר יר"ה

הנותן תשועה למלכים וממשלה לנסיכים. מלכותו מלכות כל עולמים. הפוצה את דוד עבדו מחרב רעה. הנותן בים דרך ובמים עזים נתיבה. הוא יברך וישמר וינצור ויעזור וירומם ויגדל וינשא למעלה את אדונינו הקיסר ניקאלאי אלכסנדראוויטש עם אשתו הקיסרית הכבודה אלכסנדרא פעאדאראוונא ועם אמו הקיסרית הכבודה מאריא פעאדאראוונא ואת יורש העצר מיכאיל אלכסנדראוויטש ואת כל בית מלכנו הרם ירום הודם. מלך מלכי המלכים ברחמיו יחיהו וישמרהו ומכל צרה ויגון ונזק יצילהו וידבר עמים תחת רגליו ויפיל שונאיו לפניו ובכל אשר יפנה יצליח: מלך מלכי המלכים ברחמיו יתן בלבו ובלב כל יועציו ושריו רחמנות לעשות טובות עמנו ועם כל ישראל. בימיו ובימינו תושע יהודה וישראל ישכון לבטח ובא לציון גואל. וכן יהי רצון ונאמר אמן:

## תחנה פון ראש חודש בענטשין

אנא איך בעט דיך גאט יתברך דער דא בריאט אן די שפייז צו אלע באשעפנס אונ בריאט אן מלבושים. שיק מיר מיין דער נערונג אונ דו זאלסט מיר שפייזן אונ מיין הויז גזינד אונ כל ישראל איין פרנסה טובה מיט נחת רוח אונ ניט מיט צער אונ ניט מיט בזיון דאס איך זאל ניט פאר שעמט ווערין אונ צוא נוטין זאל זיין אונזער ארבעט מיט ברכה אונ הצלחה אונ עס זאל זיין איין בענטשונג אין אונזר ווערק אונ זאלסט אונז באגליקין. אונ אויף צו ברייגען מיך. דער בארעם דיך איבער אונז אין אלין וואס מיר פאר לאנגען. אונ דו זאלסט באגיטיגין אונזר ווילין אונ אונזער הארץ צוא גוטין. אונ באשירעם אונז אונ דר ליכט אונז אונ זייא איין באשיצר צו מיר אונ צו מיין הויז גזינד. אונ באשירעם מיך פון אלע מיני צרות אונ צער אין דעם יאר אונ אין אלע נאך קומענדיגע יארין אונ אלע חדשים אונ וואכין אונ אלע שעות אונ אלע אויגין בליק אונ באשירעם מיך פון אלע פר טומלונג אונ פון אלע בייזע דער שרעקענעש פון מיין הארץ מיט דעם כח פון דעם פסוק אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה, אונ זאלסט מיך לאזין הערין בשורות טובות וואר האפטיגע אונ רעכטע פארטיגע אונ זאלסט מיך פאר געבין מיינע חטאים ועונות שחטאתי ושעויתי ושפשעתי אונ עס זאל ניט זיין אין מיר קיין חטא ועון אונ עס זאל ניט גילוסטין אין מיר דר יצר הרע. אונ זאלסט מיך באשירמען פאר גזלנים אונ פאר בייזע לייט אונ פר קריינק אונ פון בלבולים אונ פאר אלע בייזע באגעגנעש אונ פאר הונגער אונ פאר בייזע צו קומענעש אונ פר טרויערקייט אונ זאלסט מיר געבין חן וחסד ורחמים אין דיינע אויגין דען צו דיר טוא איך האפין אונ דו זאלסט מיר ענטפערין אונ צו דיינעם נאמען טוא איך מיך קערין דאס דיין היילינער נאמען זאל גירופין זיין אויף מיר אונ חיין צו קידוש אונ צו הבדלה אונ די וואס גיבין ברויט צוא אורחים אונ צדקה צו די ארימע אונ אלע וואס זיינן עוסק אין בדערפעניש פון צבור מיט ווארהאפטיקייט. גאט ב"ה זאל צאלין זייער לוין אונ זאל פון זייא אפ טאן אלע קראנקייט אונ זאל היילין זייער גאנצין גוף אונ זאל פאר געבין גאר זייערע זינד אונ זאל שיקין איין בענטשונג אונ איין גליק אין אלין וואס זיי טוען מיט כל ישראל זייערע ברידער:

סקב"ש ר' ת



Digitized by Google

און זייא זאלין זיך פארכטין פאר מיר. מיין פנים זאל דער לייכטן, מיין פארכט זאל זיין גיווארפין אויף אלע באשעפעניש און מיר זאלין גילויבט זיין אויבין אין אלע הימלן און אונטין אויף דר ערד און מיין נאמען זאל זיין אין אלע לענדער און מייניע חלומות זאלין מיר זיין צו נוטן מיט דעם קראפט דם הייליקייט דער זיך אלין שטארקט פון דער מרכבה עליונה און דר זכות פון די דרייצעהן מדות וואס דו האסט פר זיכערט דורך משה דיין קנעכט זאל מיר ביי שטיין, דאס זעלביגע זייניען די דרייצעהן מדות ה' ה' אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה:

אנא איך בעט דיך גאט פון יעקב וועגין דיין היילינין נאמען דוא ווערסט דאך דער קאנט אין דער גאנצער וועלט דען דו ביסט דער וואס האט געהערט דאס גיבעט פון יעקב און האסט אים באהיט פאר אלעם בייזין און האסט אים גינעבין מלבושי כבוד מיט דיין נוטע מאכט און האסט געטאהן וואונדער און צייכין מיט דיא ישראל. דרום טוא איך אויך באגערן פון דיר אז דו זאלסט עפענען דיין האנט מיך צוא שפייזן. און זאלסט מיך באהיטין היינט און אייביג פון אלע בייזע באגעגענעס און פון בייזע קראנקהייט און זאלסט מיר נסים טאן צוא טאן אלע צייט און אלע אוינין בליק דרום בעט איך דיר דער העכער פון מיר מיין גיבעט דען דו הערסט דיא גיבעט פון אלע מיילער רחום וצדיק יושב על כסא רחמים דער זאל מיר אויף טאן צו מיינער תפלה אלע זיבין הימלן און מאך פר נעמן וואס איך וויל האבן פון דיר:

רבש"ע איך טוא דיך בעטין דו זאלסט מיר פר געבן מיינע זינד וואס איך האב קעגין דיר געטאן אדר וואס איך האב קעגין לייטין גיטאן דער מיט כדי איך זאל קענען קומען אויף יענער וועלט לויטער כדי אז איך זאל מנוחה האבין אין קבר און ביא מיין לעבין זאלסטו מיט מיר טאן לויטער דער בארימהערציקייט דו זאלסט דר הערין מיין גיבעט גלייך אז דו האסט דר הערט אונזערע עלטערין אויך וויא דו האסט דר הערט אונזער פרומע מוטער חנה דען איך ארום נייב איך וויל דיר אוים זאגען וואס מיר אויף מיינעם הארצן ליגט דען איך טוא דיך בעטין גלייך וויא אקינד טוט בעטין צו זיין פאטער וויא עם שטייט כרחם אב על בנים זאלסטו מיר אויך

סקמ"ס ר'

טאן וויא איין פאטער טוט צוא זיין קינד:

רבש"ע דו האסט מיר גיהאלפין ביז אהער אזו זאלסטו מיר ווייטער העלפן דו זאלסט מיר שיקין גוטע מלאכים זייא זאלין מיך פירין אין רעכטין וועג כדי אז איך און מיינע קינדר זאלין געשפייזט ווערין פון דיין האנט און ניט חס ושלום פון דיא לייט דאס איך זאל ניט קומען צוא שפלות עס זאל אין זיי קיין עין הרע ניט שולט זיין און זייא אונז מציל פון אלע שלעכץ און איך זאל לעבין איין גרינג לעבין און אין שלום:

רבש"ע הער פון די גאנצע וועלט דו האסט באשאפין דעם מענטשין ניט אום זיסט דו האסט גיעבינט מיינע אויגין צו זעהן דיין קיניגרייך און מיינע אויערין צו הערין דיינע וואונדער פון דער גאנצער וועלט און מיין מויל זאל דר ציילין דיין גדולה און מיינע הענט זאלין טאן דיינע מצות. ליבער גאט דו האסט אונז גיבאטין חלה צו נעמען און ליכט צו צינדין און בודק צו זיין פון נדה די נשמה זאל ריין בלייבין און מיט מיינע פוס צו גיין אין דער שול און צו לויבין דיך און צו גיין אין דיינעם וועג און מיינע בריסט צו זייגין קינדער דאס זיי זאלן שטארקן זיין דרום בעט איך דיר ליבער גאט עס זאל אין זייא ניט שולט זיין קיין עין הרע און קיין רוחות רעות קיין מיתה משונה און זאלסט מיינע קינדער שטארקין דאס הארץ אין דער תורה און זייער הארץ זאל אפין זיין אזוא וויא דיא טירין פון אולם והיכל און מיר זאלין זעהען פון זייא בנים עוסקים בתורה ובמצות און אין מיינע אויגן זאל ניט זיין קיין טרויערקייט פון דאגה און ניט צו הערין קיין יאמער און קלאג אין נאר מיין הויז גיזונד און ניט געשפייזט צוא ווערין דורך דער האנט פון איין בשר ודם און מיר זאלין זוכה זיין צוא זעהען ישועות ונחמות:

רבש"ע איך בעט דיך דו זאלסט באגיטיגין מיין מזל און אויב דאס מזל חס ושלום באגליקט ניט באהיט מיך אל שדי, און צו ברעך דאס שווערע מזל דאס יאהר און אלע וואך און אלע טאג און אלע רגע און זייא מחדש לטובה ולברכה והצלחה און הייל דיא צו בראכענע הערצער און גיב מיר חן וחסד אין דיינע אויגין און אין לייטינס אויגין דאס קיינער זאל ניט האבין אויף מיר צו ריידין, מיינע אויגין הייב איך אויף צום הימיל און נאר מיין צו בראכין הארץ טוא

איך



Digitized by Google

# תחנה פון ראש חודש בענטשין

איך צוא דיר זאגין אזוא וויא דוד המלך עליו השלום האט אן גישריבין אין צו בראכין האַרץ אונ אין פאר שטויבין האַרץ טוסטו גאט ניט פאר שעמען, אונ וויא מיר מלא פל משאלות לבי לטובה כי אל רחום אתה: יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה' צורי וגואלי אמן:

# תחנה אמהות שרה רבקה רחל ולאה

רבש"ע דוא הער פון דער וועלט דוא אלמאכטיגער גאט דוא האסט באשאפין מיט דיין גרוים דער בארימקייט הימיל אונ ערד אונ אלע באשעפענעס אין די זעקס טעג גאר מיט צעהן ווערטער אונ אין זיבעטין טאג איז דער שבת קודש. דעם היילינין שבת האסטו גירועט פון דיין ווערק אונ אויך האסטו גיבאטין צו דיין ליב פאלק ישראל וואס דו טוסט זיך מיט זיי בארימען ווי דער פסוק זאגט ישראל אשר בך אתפאר דאס איז טייטש איר ליב פאלק ישראל מיט אייך טו איך מיך בארימן, האסטו צו זיי גיבאטין אז זיי זאלין אויך רוען אום שבת קודש פון אלע ארבעט אונ אויך פון אזעלכע ווערטער וואס מען דארף ניט צו ריידין ניערט נייא זאלין ריידין דברי תורה אונ צוא לערנען איטליכער נאך זיין יכולת נאך וואס ער קען לערנען, אויך די נייבער זאלין ווישין ווי צו האלטין זייערע מצות וואס גאט האט זייא גיבאטין, אויך האסטו אונז גינעבין חדשים וואס די סנהדרין פלעגין היילינין די חדשים זיינען מיר מקדש החודש אונ מיר בענטשין דעם שבת וואס פאר ראש חודש איז אונ דענסט מאל איז ציים מען זאל בעטין דרום טוען מיר פאר שפרייטין אונזערע הענט צו השם יתברך אונ מיר טוען תפלה אז דוא זאלסט אונז ווידער קערין קיין ירושלים אונ זאלסט דער נייען אונזערע טעג אזו וויא צום ערשטין דען מיר האבין ניט איצונד קיין בית המקדש אונ קיין מזבח אונ קיין כהן גדול וואס זאל אויף אונז מכפר זיין נאר אונזער תפלה איז אן שטאט פון די קרבנות דרום פאר נעם אונזער תפלה אונ זאלסט אונז ענטפערן אין דעם חודש אין דעם זכות פון אונזער מוטער שרה וואס דוא האסט פון איהרעט וועגין גיבאטין אונ האסט געזאגט אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו דאס איז טייטש איר זאלט נים אן רירין צו פירין אין מיינע הערין אונ צו מיינע נביאים זאלט איר נים טאן קיין שלעכטש. אונ אין דעם זכות פון אונזער מוטער רבקה וואס זיא האט גורם גיוועזען אז אונזער פאטער יעקב זאל מקבל זיין דיא ברכות פון זיין פאטער יצחק אז דיא ברכות זאלין באלד מקוים ווערין אין איהרע קינדער דיא ישראל. אונ אין דעם זכות פון אונזער מוטער רחל דיא געטריַיע וואס דוא האסט איר צו גיזאגט אז אין איר זכות וועלין איהרע קינדער ישראל פון דעם גלות בבל ארוים גיין דען אז מען האט די ישראל אין גלות נבוזראדן ארַיין געפירט האט מען זייא געפירט ניט ווייט פון דעם קבר וואס אונזער מוטער רחל ליגט דריגען האבין זיך דיא ישראל אוים גיבעטין ביי דעם שונא אז זייא זאלין גיין אויף דעם קבר. אונ וויא די ישראל זיינען געקומען אויף דעם קבר פון אונזער מוטער רחל אונ האבין אן גיהויבין צוא ווייגען אונ צוא שרייען אונזער געטריַיע מוטער וויא קענסטו דאס צו זעהען אז מען זאל אונז פירין אין גלות אריין איז רחל אויף גישטאנגען צו השי"ת מיט אביטער גשרייא אונ האט געשפראכין רבש"ע דיין רחמנות איז דאך פיל גרעסער פון דאס רחמנות פון דעם מענטשין דער צוא האב איך דאך רחמנות גיהאט איבער מיין שוועסטער לאה וען מיין פאטער האט פאר ביטין אונ האט זיא גיגעבין צוא מיין מאן יעקב אויף מיין ארט, מכל שכן דוא גאט ביסט דאך גאר ארחום וחנון גיהערסטו צוים רחמנות האבין, אזו האט גאט איר גיענטפערט דו האסט ביי מיר רעכט, איך וועל דיינע קינדער אוים ציהען אוים די צרות, דרום בעטין מיר דיך אז דאס זאל מקוים ווערין אין איר זכות. אונ אין דעם זכות פון אונזר מוטר לאה וואס זיא האט טאג אונ נאכט גיוויינט אז זיא זאל ניט אריין פאלין אין גורל פון עשו ביז איהרע אויגין זיינען טונקיל געווארין. אין איר זכות זאלסטו אונז דר לייכטין אונזערע אויגין פון דער פינצטערניש, מיר ווערין דאך גירופין בני אברהם דיא קינדער פון אברהם אבינו וויא זאלין מיר היינט זיין אזו פאר לאזן. הרב כבסני טוא מערין צוא וואשין דיא זינד. דרום דער נייא אונ ברייננ אויף אונז דעם חודש צוא פרייד אונ עס זאל אונז פאר קערט ווערין אלץ צוא נוטין, נאזן שוטו דוא ביסט דאך אונזער גרויסער הערשאפט דו זאלסט מיר דער הייבין אונ זאלסט פאר קערין צו נוטין אין זכות פון אונזערע אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב אמן:

סקם״ם



Digitized by Google

# סדור
# קרבן מנחה

על פי נוסח הקדוש האר"י זללה"ה.

עם כל המעלות

המבוארות בשער השני.

# ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם.
תרנ"ז.

КОРБАНЪ МИНХА.
Даропривошеніе.
Молитвы. Съ Виленскаго изданія 1879 г.

ВИЛЬНА. Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ собств. домъ № 328.
1897.

Digitized by Google

GRAD
BM
674.28
.A3
2008

Дозволено Цензурою 19 Іюня 1897 г. Вильна.

הוכן לדפוס על ידי אברהם הלוי בן צירל
לזכותו ולזכות משפחתו שיחיו

וא"ו כסלו, חודש הגאולה, ה'תשס"ט
שמונים שנה לקישורי התנאים
של כ"ק אדמו"ר והרבנית הצדקנית זי"ע

Digitized by Google